מה נורא המקום הזה

דער שוהל-הויף אין סיגוט, רומעניע

סעריע-ארטיקלען היסטאריע און געדאנקען
אין בעפארברייטונג צום בעפארשטייענדן נסיעה
"ימי אורה" פון כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א,
אין צוזאמענהאנג מיט'ן "לחדש אורה" פראיעקט

תשוח"ח לכבוד הני תרי צנתרא דדהבא שותפים לדבר מצוה
הר"ר **שמואל שלמה טעללער** שליט"א והר"ר **יצחק מיטעלמאן** שליט"א,
מוציאי לאור ספרי "ומשה הי' רועה"

בית מדרשם פון רבותינו הק' זי"ע

עס באנעמט רגשי קודש ווען מ'שפאנט די ווייטערדיגע טריט אויפן הייליגן **'שוהל-הויף'** אין סיגעט, און מ'באגעגנט זיך מיטן **"חסיד'ישן בית המדרש"**, דער בית המדרש וואס דער **הייליגער ייטב לב** זי"ע האט אויפגעבויעט אין סיגעט, און דער בית המדרש איז במשך לאנגע יארן געווען דער מקום קדוש, דער תל תלפיות פאר חסידי סיגוט פון די גאנצע געגנט, וואו רבותינו הק' האבן געדינט דעם אייבערשטן, און פון דארט פארשפרייט קרני אור תורתם אויף די גאנצע וועלט.

אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה!

עס איז מרגלי' בפומי' פון כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א צו דערציילן א מעשה פלא וואס איז נוגע בשייכות מיט'ן חסיד'ישן בית המדרש:

ווען דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז אנגעקומען קיין סיגעט, האט ער זיך אומגעקוקט אויף די שטאט און אויף אלע ענינים הצריכים תיקון, און ער האט באלד געזעהן אז עס איז דא א שטארקע הזנחה בעניני כשרות. די קצבים האבן געווירטשאפט אין די יאטקעס מיט א היבשע הפקרות, ובעיקר איז געווען דער חסרון ניכר אז עס איז נישט געווען קיין געהעריגע הפסק צווישן די כשר'ע בהמות און נישט כשר'ע, און עס איז געווען א שטארקער חשש אז די פלייש זאל זיך ח"ו נישט אויסמישן.

דער שלאכט-הויז אין די שטאט האט זיך אויך געפונען אויפן זעלבן שוהל-הויף.

דער נייער רב איז געקומען און ער האט באלד פארלאנגט אז ער וויל איינשטעלן א רייע מיט תיקונים, גדרים, און סייגים בעניני שחיטה וכשרות הבשר, צו פארזיכערן אז די אידן אין סיגעט עסן נאר וואס איז לכתחילה כשר בלי שום חשש.

ווי פארשטענדליך האבן די אלע תיקונים נישט געפאלן פאר די קצבים וואס האבן זיך געשפירט באקריוודעט, ובעיקר אז עס ווערט איינגעשטעלט די אלע תיקונים קענען זיי מער נישט אנגיין מיט זייער ביז איצטיגע ווירטשאפט, האבן זיי אנגעהויבן צו העצן און פארפירן קעגן דעם רב. און זייענדיג בעלי זרוע ובעלי בשר איז זיי געלונגען צו גרופירן א קבוצה בני בליעל וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו זיי, שפירנדיג אז דאס רבנות פונעם ייטב לב טוט שטעלן אין געפאר אלע ביליגע עלעמענטן פון די שטאט, און זיך גענומען העצן און מורד זיין בגלוי קעגן דעם ייטב לב זי"ע, און אפילו געסטראשעט מיט דאס ארגסטע ר"ל.

ווי פארשטענדליך האט דער ייטב לב מקיים געווען דעם "לא תגורו מפני איש" און ער איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין מהלך, און ער האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פון די אנשי דלא מעלי.

איז געווען אין איינע פון די טעג בשעת ווען דער ייטב לב איז געזעסן ביי זיך אין שטוב און ער האט עוסק געווען בתורה מיט זיינע תלמידים, האט זיך פלוצלונג געהערט א רעש, די רשעים האבן זיך צוזאמען גענומען אונטערן פענסטער פונעם רב מיט בייזוויליגע פלענער ר"ל.

און דאן האט דאס פאסירט... ווען א ריזיגער שטיין, א אבן שיש בו כדי להמית ח"ו, האט אויסגעשאסן די פענסטער, און אראפ געפאלן אויף דער ערד ממש נעבן וואו דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז געזעסן און געלערנט מיט זיינע תלמידים.

די תלמידים זענען אויפגעשפרונגען פון ארט פאר שרעק, און מיט פחד באטראכט דעם שטיין וואס איז געלעגן אויף דער ערד. און צום וואונדער האבן זיי באמערקט אז דער שטיין איז זייער גרויס, און עס האט ניטאמאל באוויזן צו מאכן אזא גרויסן לאך אין פענסטער וואו גרויס דער שטיין איז. ווען זיי האבן דאס געוויזן פארן ייטב לב זי"ע האט ער זיך אנגערופן מיט א שמייכל:

"מיר געפונען ביי יעקב אבינו ע"ה, ווי אלע שטיינער האבן זיך געקריגט 'עלי יניח צדיק את ראשי' און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס און אלע שטיינער זענען געווארן איין גרויסער שטיין. דא איז געווען די זעלבע מעשה, די רשעים האבן אלע געווארפן קליינע שטיינדלעך, און אלע שטיינדלעך האבן זיך אנגעהויבן צו קריגן ווער עס זאל פאלן אויפן צדיק'ס קאפ, האט דער אייבערשטער געמאכט א נס און נאכדעם וואס זיי זענען אריבערגעפלויגן


OBERRABINER
DÉÉS

מכתב נחמה פון הגה"ק בעל מעגלי צדק מדעעש זצ"ל צום הייליגן קדושת יו"ט זי"ע נאכ'ן הסתלקות פונעם ייטב לב זי"ע, ווי ער שרייבט: **"בענין התנהגות יהי' עיקר קוטב התנהגות להעמיד תלמידים ולעשות מגדיים תיישים, להחזיק ישיבה מבחורים אשר יבואו לחסות תחת כנפיו..."**


חיים צבי טייטלבוים
אבד"ק
סיגעט והגליל.

חיים צבי טייטלבוים
אבד"ק
סיגעט והגליל.

מכתבי קודש פון הייליגן עצי חיים זי"ע צום ועד "צענטראל רעליף קאמיטע" אין ניו יארק, אנטקעגן צו קומען שטיצן **"ישיבה הרמה שנתייסדה זה כשבעים שנה עוד מימי אא"ז בעל ייטב לב זללה"ה, ותלי"ת לומדים בישיבתי קרוב לג' מאות תלמידים בשקידה וביגיעה רבה..."**

דעם פענסטער זענען זיי געווארן איין שטיין"...

אזוי האט דער ייטב לב געזאגט א ווערטל, אבער נאכדעם האט ער גענומען דעם שטיין, און ער האט דאס אריינגעטראגן צו זיך אין צימער און ער האט דאס באהאלטן.

פאר די תלמידים איז דאס געבליבן א רעטעניש, נישט פארשטייענדיג פאר וועלכן געברויך דער רבי האט אוועק געלייגט דעם שטיין.

ביז'ן היינטיגן טאג, און טאקע וועגן דעם האט דער ייטב לב זי"ע גענומען דעם שטיין וואס ער האט באקומען צוליב זיין מסירות נפש פאר אידישקייט, און דאס געשטעלט אלס אבן הפינה פאר זיין ביהמ"ד אין סיגעט!".

כי הוא מקור הברכה! כה תברכו את בני ישראל!

עס איז ידוע אז דער **הייליגער ייטב לב זי"ע** האט גערופן זיינע הייליגע קינדער דעם לעצטן שבועות לפני הסתלקותו, און ער האט זיי געזאגט זיין צוואה:

"... כה תברכו את בני ישראל, אזוי זאלט איר בענטשן און משפיע זיין ישועות פאר אידישע קינדער, אמור להם, זאגט זיי תורה, מיט דעם וואס מ'וועט זאגן תורה פאר אידן וועט נשפע ווערן פאר זיי כל מילי דמיטב..."

דער הייליגער בית המדרש האט זוכה געווען אז דער הייליגער ייטב לב, קדושת יום טוב, עצי חיים און רבי זלמן לייבעלע זצ"ל הי"ד האבן דא משמיע געווען דברי תורה מידי שבת בשבתו ומועד במועדו פאר עדת צאן מרעיתם, דא איז געווען דער 'מקור הברכה', דער קוואל פון וואו עס האט זיך געגאסן ישועות מיט השפעות טובות פאר אידישע קינדער, וואס מיט דעם כח לעבן מיר נאך היינט, ובזכותם אנו חיים!

**

היסטארישער בילד פונעם חסידי'שן ביהמ"ד אינעם 'שוהל-הויף' וואס איז געבויעט געווארן דורכ'ן ייטב לב זי"ע

דער הייליגער אונטערנעמונג "לחדש אורה" - שלא ייבוש המעיין!

אט דער הייליגער קוואל ווערט אצינד אויפגעפירשט, ווען דער גרויסער ממשיך השושילתא, דער סאטמארער רבי שליט"א גרייט זיך בעז"ה אונטערצונעמען די מסע הקודש "לחדש אורה", באלד נאך קומענדיגן ל"ג בעומר הבעל"ט, אוועקצושטעלן דעם אבן היסוד צוריקצושטעלן דעם הייליגן ביהמ"ד און מעיין-הישועות (מקוה) וואס דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט געגראבן, מבאר ההוא ישקו העדרים!

ווי גליקליך און ווי גרויס איז די זכי' פון די אלע נדיבים בעם וועלכע נעמען אנטייל אין דעם הייליגן אונטערנעמונג און האבן די זכי' צו האבן א חלק ונחלה אין צוריקשטעלן אזא מקום קדוש ונורא!

בית צדיקים יעמוד!

ואבן הזאת יהי' בית אלקים - שטיינער פון מסירת נפש!

עס איז אריבער געגאנגען יארן, און דער ייטב לב האט מחליט געווען צו בויען א אייגענעם בית המדרש אין סיגעט, א חסיד'ישער וואו ער זאל קענען דאווענען מיט זיין אייגענעם ציבור.

עס איז געקומען צו לייגן דער אבן הפינה פארן בית המדרש, איז דער ייטב לב געקומען צו גיין מיט א גרויסן שטיין, און ער האט דאס אריינגעלייגט אינעם גרוב, אז דאס זאל זיין דער גרונד-שטיין פונעם בית המדרש.

נישט יעדער וואס איז דארט געשטאנען האט געוואוסט וואס דער שטיין איז און פון וואנעט דער רבי האט דאס גענומען, אבער די ותיקי התלמידים האבן זיך דערמאנט... זיי האבן דערקענט דעם שטיין... אט דער שטיין וואס די רשעים האבן געוואלט דערמיט הרג'ענען דעם צדיק, דער שטיין האט זוכה געווען צו זיין דער אבן הפינה פאר דעם בית המדרש וואס דער ייטב לב האט געבויעט אין סיגעט.

עס קלונגט נאך אין די אויערן די פייערדיגע דרשה וואס דער גרויסער ממשיך השושילתא דקדישא, מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א האט געהאלטן אסרו חג סוכות תשנ"ו לפ"ק אין וויליאמסבורג יצ"ו בשעת ווען כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה מ'סאטמאר זי"ע האט געלייגט דעם אבן הפינה פאר'ן בנין ביהמ"ד החדש. דער רבי שליט"א האט דאן דערציילט די הייליגע עובדא, און ער האט אויסגערופן בלהב אש קודש:

"אידישקייט בויעט מען מיט מסירות נפש, און נאר א דאנק דאס מסירות נפש פון אונזערע זיידעס האבן מיר א קיום



קול קורא לאחינו ב"י דארצות הברית וקנדה

הישיבה הגדולה עצי חיים ובית מלאכה בעיר סיגעט רומעניען אשר עומדת תחת התנהלת הגאון וקדוש יקותיאל יהודא טייטעלבוים שליט"א אב"ד ור"מ דק"ק סיגעט. פונה בבקשה לרבני ישראל ומנהיגי הקהלות בכלל ולכל ישראל בפרט לבוא לעזרת ד' בגבורים לקבל השדרי"ם בסבר פנים יפות לעמוד לעזרתם ולתמכם בעת צרה היא ליעקב לקיים הקול קול יעקב שלא יופסק ח"ו וטוב תורה עם דרך ארץ. ישיבה זו כבר יצא לה מוניטין בעולם שיצאו ממנה גאוני וקדושי עולם מימי בעל ייטב לב זצוק"ל ות"ו שתפסק המעין. ובזכות התוה"ק נשבר כוח של הידים ידי עשו ונזכה לישועות ונחמות ציון וירושלים ושבו בנים לגבולם איש תחת גפנו ותאנתו.

בברכה המשולשת בתורה.

הרב חיים ארי' לערנער, מנהל

Jeshiva Etz Chaim of Sighet,

Office 283 E. 7th Str. New York, N. Y.

קול קורא פונעם מנהל הישיבה אין סיגוט, בימיו פון כ"ק הגה"צ רבי יקותיאל יודא זצ"ל הי"ד, ווי ער אפעלירט צו אחבנ"י בארה"ב וקנאדא צו מחזיק זיין דעם הייליגן מקום תורה **"ישיבה זו כבר יצא לה מוניטין בעולם, שיצאו ממנה גאוני וקדושי עולם מימי בעל ייטב לב זצוק"ל וח"ו שתפסק המעיין"**

מכאן יצא תורה: די הייליגע סיגוטער ישיבה!

דער חסידי'שער בית המדרש אויפ'ן שוהל-הויף אין סיגוט, האט געהאט נאך א געהויבענע זכי'.

אין דעם הייליגן בית המדרש האט דער ייטב לב זי"ע מייסד געווען זיין ישיבה, די ערשטע חסיד'ישע ישיבה אין אונגארן.

כידוע איז דער ייטב לב געווען דער ערשטער וואס האט צונויפגעשמאלצן אינאיינעם דעם דרך פונעם חתם סופר זי"ע אין הרבצת התורה און פירן א ישיבה, מיטן דרך החסידות פונעם בעש"ט הק' זי"ע. און דאס איז ביי אים בכלל נישט געווען קיין סתירה.

דער יטב לב האט מייסד געווען די הייליגע ישיבה אין יאר תרי"ח. בימיו האבן געלערנט דארטן ארום צוויי הונדערט תלמידים, און פון די ישיבה זענען ארויסגעקומען די גרעסטע אונגארישע גדולים, ווי רביה"ק בעל ברך משה זי"ע פלעגט צו זאגן, אז רוב אונגארישע רבנים זענען געווען תלמידים פון יטב לב אדער תלמידים פון פרעשבורג.

מען האט געזאגט אויפ'ן הייליגן ייטב לב, אז ווען ער לאזט זיך נישט אראפ צו די יונגע בחורים און לערנט מיט זיי נאר ער הארעוועט אויף זיך, וואלט ער געקענט פיל העכער אויסשטייגן און זיין א רבי פאר די בני עליה פון זיין דור, אבער ער האט מוותר געווען דערויף, ער האט נישט געזוכט קיין אייגענע השלומות, נאר זיך געזארגט פאר די בחורי חמד, יונגע און אלטע זיי זאלן ווערן דערהויבן און מחונך, על דרך התורה והיראה און אויסוואקסן ערליכע בעלי בתים בני תורה.

דאס רבנות אין סיגעט האט ער געפירט ווי אן אונגארישער רב, בכח גדול וביד חזקה, און אויפן זעלבן מהלך האט ער אנגעפירט מיט די ישיבה, מיטן דרך הלימוד אזוי ווי די אנדערע תופסי ישיבה די תלמידי החתם סופר.

בו בזמן איז דער ייטב לב אויך אנגעגאנגען מיט זיין עבודת החסידות, מיט זיין הייליגע עבודת התפילה כדרך החסידים, מיט'ן פראווען טישן און פארברענגען מיט די חסידים. און אויפנעמען דעם ציבור וואס האט זיך געווענדן צו אים מיט קוויטלעך און משפיע זיין ישועות פאר אידישע קינדער.

איידער דער ייטב לב זי"ע איז נסתלק געווארן האט ער באפוילן פאר זיינע מקורבים דעם נוסח וואס מען זאל שרייבן אויף זיין מציבה, צווישן אנדערע האט ער געהייסן שרייבן "העמיד תלמידים הגונים וישרים", און ער האט זיך אויסגעדריקט "איך וועל זיך נישט שעמען מיט מיינע תלמידים נישט בזה און נישט בבא".

עס ליגט אין זכרון ווי דער רבי מרן הברך משה זי"ע פלעגט דאס כסדר נאכזאגן און אויספירן ער פלעגט זיך אויסדרוקן בלש"ק "איך האב געקאנט אסאך תלמידים פונעם זיידן דער ייטב לב, יעדער פון זיי איז געווען א איש מסוים, צי א דיין, א שוחט, צי סתם א אדם חשוב, מען האט געקענט דערקענען אז ער איז א תלמיד פונעם ייטב לב".



ממנו יתד וממנה פינה:

דער גאלדענער קייט פון הרבצת תורה, מיסודו פונעם הייליגן ייטב לב זי"ע

מדרשת כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, ממשיך שלשלת בית סיגוט-סאטמאר וריש מתיבתא רבתי, במעמד האדיר "יסוד איתן" וכינוס יובל החמישים להתייסדות מתיבתא הק' ד'סאטמאר, מוצש"ק ויקהל תש"ס בבנין הענקי "ניו יארק סטעיט ארמארי"

"... שוין מער ווי הונדערט און פופציג יאר וואס ס'איז א קייט פון הרבצת תורה ויראת שמים, אזוי ווי רש"י זאגט, אלקי אבי וארוממנהו, דאס איז בימי אבותי האט זיך דאס אנגעהויבן.

"ס'איז דאך מוצאי שבת, איז כדאי צו דערמאנען א סיפור פון זיידן זכרונו לברכה דער ייטב לב.

"ס'איז ידוע ווען דער זיידע זכרונו לברכה דער ישמח משה איז געווען רב אין אוהעל, און ער איז נסתלק געווארן, האט ער געלאזט צוואה, אז מ'זאל אויפנעמען דעם אייניקל, דעם זיידן זכרונו לברכה דעם ייטב לב, אלץ ממלא מקומו אין אוהעל.

"נאכ'ן הסתלקות פונעם ישמח משה, איז אין אוהעל געווען א גרויסע התנגדות, ס'איז דארט געווען א סך מתנגדים, און זיי האבן געוואלט שטערן דעם ייטב לב פון פירן דאס רבנות אין אוהעל, איז געווען שטארק פארביסענע מתנגדים, האבן זיי זיך אויסגענומען מיט'ן ייטב לב, פינף תנאים האבן זיי זיך אויסגענומען, אויף דעם קען ער זיין רב, האבן זיי אים געזאגט אזוי: איינס, ער מוז זיך אונטערנעמען אז ער וועט נישט שרייבן קיין קמיעות - דער ישמח משה האט דאך געשריבן קמיעות - די צווייטע זאך האבן זיי געזאגט, ער מוז זיך אונטערנעמען אז ער וועט נישט נעמען קיין קוויטלעך, די דריטע זאך האבן זיי געפאדערט, ער מוז זיך אונטערנעמען אז ער וועט נישט פירן קיין טיש, די פערטע זאך, אז ער זאל זיך אונטערנעמען אז ער וועט נישט דאווענען פאר'ן עמוד, און די פינפטע זאך, אז ער וועט נישט פירן קיין ישיבה.

"האט דער ייטב לב געזאגט, ער איז גרייט אנצונעמען אז ער וועט נישט טיילן קיין קמיעות, ער וועט נישט נעמען קיין קוויטלעך, ער וועט נישט פירן קיין טיש, און ער וועט נישט קאווענען פאר'ן עמוד, אבער א ישיבה, אויף דעם איז ער נישט גרייט מוותר צו זיין, דעם פונקט וועט ער נישט אננעמען.

"ס'האט זיך טאקע געמאכט אזוי, דער ייטב לב איז געווען רב, און ס'האט זיך טאקע געמאכט א גרויסע מחלוקה, ביז מ'האט אים פארטריבן פון אוהעל, ווער ס'ווייסט א ביסל וויאזוי ס'איז געווען.

"דער ייטב לב איז געווארן נאכדעם רב אין גארליץ, און נאכדעם איז ער געגאנגען קיין דראהביטש, נאכ'ן הסתלקות פונעם זיידן זכרונו לברכה ר' אלעזר ניסן, און תרי"ח איז דער ייטב לב געקומען קיין סיגעט, און ער איז געווארן רב אין סיגעט, און ער האט געגרינדעט די ישיבה אין סיגעט, און ער האט געפירט די ישיבה עד יום הסתלקותו. כ'האב געזען א העפט, א תלמיד פונעם ייטב לב שרייבט תורות, חידושי סוגיות, און ער שרייבט אויבן, ער איז א תלמיד פונעם ייטב לב, ר"ב אמ"ת, דאס איז תרמ"ג, ווינטער, שרייבט וואס ער האט געהערט, אזוי שרייבט ער, שנת ר"ב אמ"ת, די חידושים וואס ער האט געהערט פון ייטב לב בשעת'ן פארלערנען אין די ישיבה, אין דעם לעצטן ווינטער האט נאך דער ייטב לב געזאגט חידושים אין די ישיבה.

"דער זיידע זכרונו לברכה האט געלאזט צוואה מ'זאל אויפשרייבן אויף די מציבה, העמיד תלמידים הגונים וישרים, ער האט מעמיד געווען תלמידים הגונים וישרים, ער האט געזאגט, ער וועט זיך נישט שעמען מיט זיינט תלמידים, נישט בעולם הזה און נישט בעולם העליון.

"דער טאטע זאל זיין געזונט און שטארק (רביה"ק בעל ברך משה זי"ע) זאגט, כ'האב עס געהערט אסאך מאל פון אים פארציילן, אז ער האט געקענט אסאך תלמידים פונעם ייטב לב, זיי זענען טאקע געווען, יעדער איינער איז געווען א יחיד במינו, געווען אויסגערופן אויף זיין שטייגער, געווען תלמידי חכמים, געווייקטע חסיד'ישע אידן, יראי ה', ס'האט געברענט א פלאם פייער, מ'האט דערקענט, ס'האט ארויסגעברענגט אז דער איז א איד וואס האט זוכה געווען צו לערנען ביים הייליגן ייטב לב, מ'האט דאס דערקענט אויף אים.

"נאכ'ן הסתלקות פונעם ייטב לב. דער זיידע זכרונו לברכה, דער קדושת יו"ט, האט איבערגענומען דאס רבנות, און ער האט געפירט די ישיבה כל ימי חייו ביז צו זיין הסתלקות, ער האט מעמיד געווען תלמידים אין די לענג און אין די ברייט פון אונגארן, זיי זענען געווען די חסיד'ישע אידן, דאס איז געווען דאס חסיד'ישע איד אין אונגארן, וואס זענען געווען די תלמידים פונעם קדושת יו"ט, וואס ס'האט זיך אויף זיי דערקענט, אין יעדן שטעטל, אין יעדן ישוב וואו זיי האבן געוואוינט, מיט זייער ערליכקייט, מיט זייער אפגעהיטנקייט, מיט זייער ברען און מיט זייער פייער, ס'איז געווען א שם דבר, א תלמיד וואס האט געלערנט אין סיגעט.

"און נאכ'ן הסתלקות פונעם זיידען זכרונו לברכה, דער קדושת יו"ט, וואס דער זיידע זכרונו לברכה דער עצי חיים האט איבערגענומען, איז דאס ווייטער געווען א המשך, די אלע יארן וואס דער זיידע זכרונו לברכה האט געלעבט, איז געווען א שם דבר די ישיבה אין סיגוט, די הונדערטער בחורים וואס זענען געקומען לערנען, און זיי האבן זיך קונה שלימות געווען, אין תורה און יראת שמים און חסידות מיט א געוואלדיגקייט, געוואלדיגע חריפות וואס דער זיידע האט געזאגט די שיעורים, ער האט גע'שמ'ט אין די גאנצע מדינה אלץ א חריף ובקי.

"דאס איז געווען דאס מקור פון חסיד'ישע אידן אין אונגארן, ווען ס'איז געווען נאך גרויס אונגארן, און נאכדעם ווי ס'האט זיך צוטיילט אויף קלענערע מדינות נאכדעם, דאס איז געווען די שויס פון חסיד'ישקייט אין אונזערע מדינות פון וואו אונז שטאם מיר...."

מסע הקודש

ימי אורה

פ' בה"ב - במדבר תשע"ז

בראשות כ"ק מרן רבינו

הגה"ק מסאטמאר שליט"א

אור ליהודים

לחדש אורה

נפשו קשורה בנפשו:

השגחה יתירה אויף די תלמידים בזה ובבא!

מדרשת רביה"ק בעל ברך משה מ'סאטמאר, בביהמ"ד קיט"ל קליימער סט., תשל"ט

"...מיר ווייסן אז דער זיידע ז"ל, דער ייטב לב האט מייסד געווען די ישיבה אין סיגעט. ער האט איינגעפירט א ישיבה צו לערנען יעדן טאג מיט בחורים, מיט תלמידים. דאס איז געווען כל מגמתו ווי דער זיידע ז"ל, דער ישמח משה שרייבט אז זיין גאנצע רצון איז מזכה זיין את הרבים, פארדעם האט ער זיך אפגעגעבן מיט די ישיבה"

"... איך האב געזען תלמידים, ס'האט זיך געדאכט אז דער זיידע האט די תלמידים צוגעבינדן. זיי האבן געוואוסט וואספארא א מין השגחה ער האט אויף זיי געהאט בעולם הזה. איר ווייסט דאך, ער האט געפירט די ישיבה אזויפיל יאר און עס איז געווען הונדערטער תלמידים, ס'האט זיך נישט געטראפן אז ס'זאל חלילה עפעס פאסירן מיט א בחור... דער זיידע האט זיך בארימט אז עס האט נישט פאסירט אזאנס אז ער זאל פארלירן תלמידים יונגערהייט. ער האט אויפגעפאסט אויף די בחורים בעוה"ז און ער האט געוואלט אז מ'זאל וויסן אז ער וועט אויפפאסן אויף זיי בבא...